UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Der Novi Ekhye Fun Shile/ The Prophet Will Be From Shilo

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4vx3s1bx

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

Author
Dr. Jacob Y. Maitlis, Dr. Yankev Y. Meytlis/

Publication Date
1980

Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
ז. בונין, נתן גראַוויץ,
משה כהן, שלמה צוקערמאַן
און אַלעקס ראַבין

35טער יאָרגאַנג, נומער 95 • פרילינג 1980 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע



ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן


ברוך האַגערן, דעם דערהויבענעם בן־שמונים —
— בגבורות ישע ימינו.

## דער נביא אחיה פון שילה (השילוני)

(אַ קאַפּיטל תנכישע קולטור־געשיכטע)

עס איז גוט אַמאָל אַוועקצוקוקן פון דעם צערודערטן און אויפגעברויזטן היינט און זיך פאַרנעמען מיט אַ קאַפּיטל פאַרצייטיקער יידישער געשיכטע, זיך איינקלערן אין איר און פּרוּוון אָפּלערנען פון איר אַ שטיקל מוסר־השכל אויך פאַר דער איצטיקער צייט מיט איר איבערבייט און פלאָנטער. אויב מ׳קען נישט תמיד מאַכן קיין אַנאַלאָגיעס און זיך פאַרלאָזן אויף אַן אַסמכתא, איז פון דעסטוועגן אינטערעסאַנט נאָכצושפּירן די געשעענישן פון עבר, אַ קוק צו טאָן ווי עס האָט אויסגעזען דער ווייטער אַמאָל, מיט זיינע דיאַלעקטישע סתירות און גענזעלשאַפטלעכע קאָנפראָנטאַציעס.

געשיכטע איז, ווי מיר ווייסן, נישט סטאַטיש, נאָר אין אַ כסדרדיקער באַוועגונג, ס׳רוב מיט טרייסלעניש און שינויים. ווי אַזוי אָפּט האָבן מיר אויך אין דעם קאַפּיטל יידישע געשיכטע צו טאָן מיט אַ ריי באַנעמלעכע, פאַרקייטלטע סיבות, אָפּט אפילו אומדערוואַרטע צופאַלן, וואָס האָבן גורם געווען אַ טיפן איינשניט מיט שווערע קאָנסעקווענצן אין דער ווייטערדיקן מהלך פון יידישן לעבן. אויף דעם זאָגן עדות די ידיעות און באַריכטן וואָס האָבן זיך אויפגעהיט אין די היסטאָרישע ביכערפון תנך, און דערציילן אונדז מיט זייער פּינקטלעכקייט און איינגעהאַלטנקייט פון איבערלעבענישן און קאָנפראָנטאַציעס, גורלדיקע נסיונות און קויזאַלע איבערבייטן אין יענע, גאָר ווייטע צייטן.

ווועלן מיר, על כן, באַטראַכטן די תקופה פונעם נביא אַחיה פון שילה און די ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אין יענער גורלדיקער צייט, בעת עס איז געקומען צו דער חלוקה פון דער מדינה נאָך שלמה המלכס טויט. ווער עס איז געווען דער נביא אַחיה, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט און זיין רעליגיעז־פּאָליטישן לעבן, ווייסן מיר נישט אַקוראַט. ווי עס זעט אויס, האָט ער זיך אָנגעקערטצו דעם עקסטאַטישן און נאמנותדיקן געזעמל וואָרטזאָגערס און מוכיחים, וואָס האָבן געלעבט אײדער עס זענען געקומען די גרויסע, צעשטראַלטע שריפט־נביאים, וואָס האָבן מיט זייער געטלעכער שליחות זייער כאַריזמאַ און אַבסאָלוטער מאָראַלישער שלימות, געהאַט אַ דויערעוודיקע השפּעה אויפן יידישן פאָלק און דער וועלט בכלל.

וואָס מיר דערוויסן זיך יאָ פון די תנכישע מקורים וועגן דעם אומבאַקאַנטן אַלייניקן נביא, אַחיה, איז, אַז ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דער שטאָט שילה אינעם געביט פון שבט אפרים. דאָרט האָט

זיך אין אַמאַליקע דורות געפונען דאָס באַקאַנטע הייליקטום פון עלי דעם כהן און ווו שמואל, דער בן־דור פון שאולן, איז אויסגעוואַקסן צו זיין אַ נביא און אַ מנהיג פון פאָלק. שילה איז על כן געווען אַן אָרט פון געהייליקטע טראַדיציעס און אַ ליכטיקן עבר.

פון אחיהס צוויי מכריעדיקע אויפטריטן הערן מיר אין היסטאָרישן ספר מלכים. עס זענען צוויי נביאות פון דעם אויפגע־שטורעמטן, אימפולסיוון געטלעכן שליח, מיט זיין שאַרפער רעאַקציע אויף דעם רעליגיעז־פּאָליטישן מצב אין דער מלוכה, אָבער דערמיט ענדיקט זיך די לעבנס־געשיכטע פונעם נביא וואָס בלייבט פאַר־הוילן אויף אייביק אין דעם קאָך פון גע־שעענישן פון זיין צייט. פאַר דעם אַמאָ־ליקן היסטאָריקער איז כלל נישט וויכטיק צו דערציילן זייטיקע פּרטים פון נביאס לעבן און זיינע איבעריקע מעשים, דער עיקר איז זיין שליחות און די קאָנסע־קווענצן וואָס מיר קענען ציען פון זיי. ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט אחיה נביאות געזאָגט אויף ירבעמען, אַז ער איז אָנגעברייט צו קיניגן איבער די צען שבטים פון מלכות ישראל, און ביי אַ שפּעטערדיקע געלעגנהייט, אַז זיין הער־שאַפט וועט נישט האָבן קיין קיום צוליב זיין אָפּקער פון אמתן גאָט פון ישראל. קורץ דערמאָנט ווערט ער אויך נאָך אי־נעם ספר דברי הימים ב׳ (ט׳, כ״ט), אַז די נביאות פון אחיה זענען פאַרשריבן צווישן אַלע אַנדערע געשעענישן און מעשים פון שלמה המלך און ירבעם בן נבט. רעדט זיך דאָ משמעות פון די אַר־כיוואַלע מאַטעריאַלן פון די מלכים און זייער צייט, ידיעות און געוויסע פּרטים וואָס דער שפּעטערדיקער כראָניקער האָט געשעפּט פאַר זיין בעצם פאַרטראַכט און כּוללדיק היסטאָריאָגראַפישן ווערק. מער לאָזט אונדז דער פּסוק נישט הערן.

קומען מיר איצט צו די עצם היסטאָרי־שע פּאַסירונגען פון יענער צייט. פרעגט זיך, וואָס איז פאַרגעקומען אין די טעג פון שלמה המלך און נאָך אים, ווען זיין טראָן־יורש רחבעם האָט גענומען קיניגן. דער ספר מלכים, וואָס רעדט מיט גרויס התפעלות און באריכות וועגן שלמה המלכס גרויסקייט און חכמה, זיין וווּנדערלעכע הערשאַפט און אויפטועץ, לאָזט אונדז אויך הערן וועגן די סאָציאַ־רעליגיעזע ווידער־שפּרוכן אין זיין אָנגעצילטער מלוכהשאַפט וואָס זענען געוואָרן אַלץ בולטער, נישט געקוקט אויפן גלאַנץ און דער הרחבה פון דער מלוכה. ברייטע טיילן פון פאָלק און באַהויכטע גייסטער האָבן געזען אין דעם סטיל און התנהגות פון קיניג און זיינע שׂרים, אַן אָפּקער פון דעם אַלט־איינגעשטעלטן, טראַדיציאָנעלן דרך פון פאָלק וואָס האָט אָפּגעשטויסן, אַרויסגע־רופן אומרו און פאַרדראָס.

אָבער שלמה, ווי אַ קלוגער פּאָליטיקער, איז געווען אַ גרויסער בעל־הצלחה אין אַלצדינג וואָס ער האָט געטאָן. מיט אַ סך געראַטנקייט און פּיקחות האָט ער איינ־געשטעלט פריינדלעכע און גוטע באַציונ־גען מיט זיינע שכנים, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין זיינע פאַרנעמיקע בוי־פּלע־נער און אַ באַדייטיקן האַנדל, און אויף אַזאַ אופן געשאַפן אַ דויערעוודיקן שלום פאַרן לאַנד. איז ער אויך אין דער אמתן געווען דער שפּריכוואָרטלעכער האַר פון פרידן, געמערט שפע און הרחבה פון פאָלק און געהאַט דעם גרויסן נאַציאָנאַל־היסטאָרישן זכות אויפצובויען דעם אימ־פּאָזאַנטן בית־המקדש ווי אַ קולטיש־רעליגיעזן צענטער פאַרן גאַנצן פאָלק.

אָבער דער סאָציאַל־פּאָליטישער דינאַ־מיזם פון שלמהס מלכות האָט געהאַט אויפצעווייזן אַ שפּאַר ביסל בולטע און שאַטנדיקע קאָנטראַסטן. איינעשפּאַנט אין דער גוט־אָרגאַניזירטער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד, איז אויף דער ברייטער מאַסע געלעגן דער שווערער גורל פון שטייערן און טריבוטן, און די לאַסט פון אַ שטרענגן אַרבעטס־דינסט, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט און בייז בלוט. דערצו איז נאָך צוגעקומען, ווי אַזוי אָפט אין דער שפּעטערדיקער יידישער געשיכ־טע, דער קאַרדינאַלער פאַקטאָר פון דער יידישער קולטור און טראַדיציע. די הש־פּעות פון דער אַרומיקער כנענישער צע־ברויזטער קולטור מיט אירע אָפּגעטער און אַטראַקטיווע ריטואַלן, און אַן אַוואַנ־סירטע טעכניק אין פאַרגלייך צו דער פּשוטותדיקער איינגעלעבטקייט פון פאָלק.

וואָס האָט מלכתחילה גענומען אַנוואָרפן מסוכנדיקע שאָטנס אויפן עתיד. שוין אַליין שלמהס אַרומנעמיקע אינאָוואַציעס, ביז צו פאַרגעסן דעם ביטערן פאָרוואָרף וועגן די „נשים נכריות", די פרעמדע פּרינצעסינס ווי דעם קיניגס ווייבער, האָבן משמעותדיק אויפגעדודערט דאָס געמיט פון די באַהויכטע, באמונתדיקע גייסטער פון דור. אויף אַזאַ אופן זענען די סתירות געוואַקסן און געפירט צו קאָנפליקטן, וואָס זענען געווען סיי די סיבה און סיי דער גורם פון דער שפּעטערדיקער חלוקה פון לאַנד, מיטן אויפקום פון מלכות ישראל פון די צען שבטים אין צפון.

ווי אַזוי אָפט אין לעבן פון פעלקער, היינט ווי אַמאָל, האָבן, על כן, אויך דעמאָלט נישט געפעלט קיין אינטריגעס, ריוואַליטעטן און קריזיסן, וואָס האָבן געפירט צו אַ טראַגישער קאָנפראָנטאַציע מיט אַן איבערקערעניש אין דער איינגעפונדעוועטער גאַנצקייט פון דער מדינה. אַחוץ שונאים פון דרויסן, וואָס האָבן מיט גרויס קינאה געקוקט אויף דעם רחבות־דיק־צעבליטן לאַנד און דער דינאַסטיע פון דוידן וואָס האָט באַגליקט אין אַלע אירע וועגן, זענען אויף פון אינעווייניק פאַראַן געווען פון קדמונישע צייטן גענוג פאַריבלען און סיכסוכים צווישן איינצלנע שבטים און דער עיקר **צווישן אפרים** אין צפון און יהודה אין דרום. אינעם תנ"ך הערן מיר אָפט פון די גרויסהאַלטערישע און יחסנדיקע בני־אפרים, גרויסע בעלי־דעות און תקיפים, וואָס האָבן נאָר געשטעלט אויף זיך. היינט ערשט, זינט דער שבט יהודה־בנימין אין דרום האָט איבערגענומען די הנהגה מיט דוד המלך בראש, וואָס האָט מיט גרויס קלוגשאַפט און גבורה געשאַפן אַ פאַראייניקטע, שטאַרקע מלוכה. אָבער די סיכסוכים און אַרומרייסענישן האָבן שטילערהייט ווייטער אָנגעהאַלטן, מחמת די בני־יוסף, די שבטים פון אפרים און מנשה האָבן געהאַלטן אַז היסטאָריש געהערט די בכורה צו זיי און דערפאַר אַ רעכט איבערצונעמען די העגעמאָניע איבערן גאַנצן פאָלק ישראל.

קינאה און שינאה געפילן, ריוואַליטעטן און קאָנפליקטן צווישן פאַרשיידענע פאָלק־טיילן אין לעבן פון פעלקער זענען כלל נישט קיין זעלטנקייט, און אַזוי איז דאָס אויך צוגעגאַנגען אין דעם ווייטן יידישן עבר, מכל־שכן אין דער גלאַנץ־צייט פון שלמה המלך און דער מזל־ברכהדיקייט פון לאַנד.. דער פּאָליטיש־סאָציאַלער קעסל האָט הפנים שוין געזאָטן אַ לאַנגע צייט, ביז עס איז אַרויף אויפן טראָן שלמהס יורש, רחבעם, און עס איז געקומען די קאָנפראָנטאַציע, און ווי אַ פועל־יוצא די טראַגישע חלוקה פון דער מלוכה. אויפן אָרט פון דער געגרונטפעסטיקטער כלל־מדינה זענען איצט געשטאַנען צוויי אָפּגעטיילטע לענדער פון יהודה אין דרום און ישראל אין צפון, און געפירט צווישן זיך כסדר מלחמות.

איצט, איידער מיר גייען אַריבער צו רעדן וועגן די מעשים פון נביא אחיה, מוזן מיר זיך אויף אַ ווייל אָפּשטעלן אויף רחבעמס צד שכנגד, ירבעם, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון דער מרידה און אַרויף אויפן טראָן פון מלכות ישראל. ירבעם בן נבט האָט געשטאַמט פון צרידה אין אפרים, הפנים אַליין אַ בן־אפרים, איז געווען, ווי דער פסוק לאָזט אונדז הערן, אַ גיבור־חיל, אַ שטאַרקער מאַן, אַ בעל־יכולת מיט גרויס ישוב־הדעת און פּאָליטישע אַמביציעס. בטבע אַ קלוגער און אַ פלינקער חברה־מאַן, מיט אַ שאַרפן חוש פאַר געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט ער גוט פאַרשטאַנען ווי זיי אויסצונוצן פאַר זיין טובה־וועגן. זעט זיך אויס, אַז צוליב זיינע אויסגעצייכנטע אַדמיניסטראַטיווע פעאיקייטן, האָט אים דער קיניג שלמה תחילתדיק געמאַכט פאַר אַן אויפזעער איבער די לאַסט־אַרבעטן פון די בני־יוסף, מיט וועמען ער האָט זיך גאָר נאָענט, שבטיש אָנגעקערט. עס איז געווען, זעט אויס, אַ וויכטיק אַמט אין דער צענטראַלער אַדמיניסטראַציע פון דער מדינה. מן הסתם איז דער פעאיקער און דינאַמישער ירבעם נישט געווען דער איינציקער פון די הויכגעשטעלטע פונקציאָנערן פון די בני־אפרים אינעם מלוכה־דינסט פון שלמהן. אַ וועלכע עס איז שבטים־ אָדער אַנדערע דיסקרימינאַציעס אינעם מלוכה־אַפּאַראַט האָבן

מסתמא נישט עקזיסטירט. עס האָט וויטער געהערשט דער דעמאָקראַטישער איינשטעל פון אַמאָליקע דורות. עס זענען תמיד געווען גוטע שאַנסן און מעגלעכקייטן פאַר פעאיקע און פאַרלאָזלעכע מענטשן.

איז אָבער ירבעם געווען פון נאַטור אַ מענטש, ווי אַזוי אָפט אין לעבן, אַ באַרעכנטער, אַן איינרייסער, מיט אימפּעטיקע אַספּיראַציעס און אַן אומדערזעטלעכן מאַכט־דאָרשט, וואָס האָט אים נישט געלאָזט איינרוען. האָבן, ווי שוין דערמאָנט, נישט געפעלט קיין פּאָליטישע מאָטיוון און סאָציאַלע סיבות, חסרונות און סתירות אין דעם איינגעשטעלטן סדר פון שלמהס מלוכהשאַפט. ירבעם דער פּאָליטישער בעל־תכלית און געטריי דער היסטאָרישער טראַדיציע פון שבט אפרים מיט מי־יודע וואָס פאַר אַ טענות און פאַראיבלען די בני־יוסף זענען געקומען, האָט גוט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ קאָרט צו שפּילן. לעת־עתה איז די צייט נאָך נישט געקומען פאַר אים, פאַר ירבעמען, עפנטלעך צו אַנטפּלעקן זיין איינגעשטעלטן פּלאַן. דאָס האָט געמוזט דערווייל פאַרבלייבן אַ סוד, אַחוץ אפשר פאַר אַ פּאָר מקורבים און חברים ־לדעה.

ווי אַ קלוגער, געניטער פּאָליטיקער, איז ער פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט דיסקרעט און קאָנספּיראַטיוו, הגם זיין שינאה צו שלמהן און זיין אומגעשטילטע תאווה צו גרויסקייט און מאַכט איז שטילערהייט כסדר געוואַקסן. זיין פּאָליטישע קלוגשאַפט און ישוב־הדעת האָבן אָבער פאַרלאַנגט קאַלטבלוטיקייט און אויסדויער, טשאַטעווען אין דער שטיל, אינטריגירן און וואַרטן אויף דער מזלדיקער שעה, ווען ער וועט קענען דערגיין צו זיין ציל.

קומען מיר איצט צו דעם עצם סיפּור־המעשה פון דעם נביא אַחיה און די ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט מיט זיין שליחות צו ירבעמען, און אַזוי אַרום פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער איבערקערעניש נאָך שלמה המלכס טויט. זעען מיר דעם לויטערן, צעברויזטן נביא, וועלכער דערשיינט פּלוצים ווי אַ בליץ אויפן פאַרוואָלקנטן האָריזאָנט און מיט זיין צעווייטאָגט געמיט לאָזט ער אונדז הערן זיינע האַרטע, גליאיקע רייד אַנטקעגן דעם זינדיקן מלכות פון שלמה. געטריי דער פאַרהייליקטער טראַדיציע פון פאָלק ישראל קלאָגט דער געטלעכער שליח אָן דעם געהויבענעם קיניג און זיין פאָלק, וואָס זענען אַראָפּ פונעם דרך הישר, דינען פרעמדע אָפּגעטער און פאַרלאָזן דעם אמתן גאָט פון זייערע אָבות. דער נביא קען נישט שווייגן, ער מוז אַרויסזאָגן דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל נישט זיין און אויספירן די שליחות פון גאָט, ווי שווער זי זאָל אויך נישט זיין פאַר אים.

גראָד אין דער צייט לאָזט אונדז דער פסוק הערן (מלכים א׳, י״א, כ״ט־ל״ז), האָט זיך געטראָפן, וואָס בשעת ירבעם איז אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים איז אים אונטערוועגנס אַנטקעגן־געקומען דער נביא אחיה, און אין זיין מויל האָט ער געהאַט אַ זעלטענע בשורה פאַר אים. מסתמא איז דאָס נישט געווען קיין ריינער צופאַל נאָר אַן אָפּגעשמועסטע טרעפעניש. לויטן סימבאָלישן אַקט פון נביא און זיינע רייד, קענען מיר נוטה זיין צו דער דעה, אַז זיי האָבן זיך נישט בלויז געקענט פון פריער, נאָר עס איז אפילו פאַראַן געווען אַן אידעישע קרובהשאַפט צווישן ביידע, און דערפאַר טאַקע די באַגעגעניש אויפן פעלד, ווייט פון דער שטאָט, אַז עס זאָל קיינער נישט זיין דערביי. עס איז אפילו אַ סברה, אַז אויב אַחיה האָט געשטאַמט פון שילה אין געביט פון אפרים, האָט ער שטילערהייט אונטערגעשטיצט און געמוטיקט זיין לאַנדסמאַן **ירבעמען אין זיינע** מרידה־פּלענער קעגן דער דינאַסטיע פון שלמהן, וואָס איז אים נישט געווען צום האַרצן. און אפשר האָט גאָר ירבעם, דער תשובער בן־אפרים, געמאַכט יד־אחת מיטן נביא, וואָס איז נאמנותדיק ביי־געשטאַנען אין זיין קאַמף.

דערציילט אונדז דער פסוק ווייטער, אַז בשעת אחיה האָט זיך געטראָפן מיט ירבעמען אונטערוועגנס, איז ער געווען „איינגעדעקט אין אַ נייעם מאַנטל, וואָס זאָל אים מסתמא דינען ווי אַ בולטער סימן פאַר דעם סימבאָלישן אַקט וואָס ער איז געווען גרייט אויסצופירן. אין דער היסטאָרישער שליחות פון די נביאים זענען סימבאָלישע אַקטן כלל נישט געווען

קיין זעלטנקייט. אַזוי איז דאָס אויך געווען דאָ ביי דער טרעפעניש פון אַחיהן מיט ירבעמען. כדי צו דעמאָנסטרירן זיין געטלעכע שליחות, נעמט אַחיה דער נביא אַראָפּ פון זיך דעם נייעם מאַנטל און צערייסט אים אויף צוועלף שטיקער. מיט זיין צעשטורעמט וואָרט זאָגט ער צו ירבעמען: „נעם דיר די צען שטיקער, ווארום אַזוי זאָגט גאָט פון ישראל, זע איך טו אָפּרייסן די מלוכה פון שלמהס האַנט און וועל דיר געבן די צען שבטים," איבער וואָס ירבעם וועט קיניגן. די פאַרבליבענע צוויי שטיקער באַטייטן די שבטים פון יהודה און בנימין, ווי אַ רעשטל פון דעם גלאָריעדיקן מלכות שלמה, וועלן פאַרבלייבן ביי דעם הויז פון דודן, דעם געטרייען דינער פון גאָט און צוליב ירושלים וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט צו רוען אין אים. דאָס איז דער רעזולטאַט דערפון, הילכט דער הייליקער צאָרן פון נביא, וואָס דאָס פאָלק מיט זיין קיניג האָבן פאַרלאָזט זייער אמתן גאָט און גענומען דינען פרעמדע אָפּגעטער, וואָס זענען אַ שטרויכלונג אויף זייער וועג..

די קולטור־השפּעות פון כנען מיט זייערע פאַרפירעריש און באָמבאַסטישן קולט און צערעמאָניאַל, גראָבן אונטער דעם סאַמע יסוד פון דער יחידישער אייגנקייט פון פאָלקס־לעבן מיט זיינע פאַרהייליקטע טראַדיציעס פון דורות, און קען נישט האָבן קיין גוטן סוף. דערפאַר מוז בעל־כרחי קומען אַ ביטערער און האַרטער עונש. דאָס פאַרלאַנגט דאָס אַבסאָלוטע, אימפּעראַטיווע מאָראַלישע געבאָט מיט זיין אמת און יושר. אַנדערש קען דער נביא נישט האַנדלען, און אַזוי האָבן אויך געטאָן די אַנדערע נביאים אין אַלע צייטן.

אינצווישן, זעט אויס, האָט זיך שלמה דערוווסט פון די בונטאַרישע מאַכינאַציעס פון זיין דינער ירבעם. ווי אַ מורד אין מלכות הט אים דער קיניג געוואָלט טייטן. אָבער דער פלינקער ירבעם האָט נישט געוואַרט און געמאַכט אַ שנעלן ויברח. ער איז אַנטלאָפן קיין מצרים, וואָס איז שוין פון קדמונים אָן געווען אַ נעסט פון אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס און אַן אימפּעריאַליסטישער מאַכט־פּאָליטיק.

. דער דעמאָלטיקער פּרעה שישק פון דער 22טער ליבישער דינאַסטיע אין מצרים (914-935), האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט די פּאָליטישע געלעגנהייט, און פריינדלעך אויפגענומען ביי זיך דעם אַנטלאָפענעם רעבעל ירבעם און אים געגעבן אַזיל־רעכט. אין מצרים איז ירבעם פאַרבליבן אַ פרייער פויגל ביז נאָך שלמה המלכס טויט.

דערמיט פאַרענדיקט דער תנכישער דערציילער דאָס קאַפּיטל פון שלמהס מלכותדיקייט און גייט אַריבער צו דערציילן באַריכותדיק די געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ווען זיין זון רחבעם איז אַרויף אויף זיין קיניגלעכן טראָן. ווי זאָגן דאָס יידן, מען זאָל נישט בעטן אויף קיין נייעם מלך! ווי עס איז געווען דער מינהג פון דער אַמאָליקער פאָלקס־דעמאָקראַטיע ביי יידן, האָט זיך דאָס פאָלק מיט זיינע חשובים און פּני פאַרזאַמלט אין שכם, כדי צו מאַכן קיניגן דעם נייעם מלך.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דער שווערער עול פון שטייערן און אַרבעטס־דינסט אונטער שלמהס רעזשים האָט געשאַפן אַן אָנגעצויגענע געשפּאַנטקייט אין די ברייטע קרייזן פון פאָלק. האָט מען, על כן, געבעטן ביי דעם נייעם קיניג אַ קענטיקע פאַרלייכטערונג פון שיעבוד און גרינגער צו מאַכן די מדינה־טריבוטן. מען האָט געפאָדערט באַרעכטיקטע קאָנצעסיעס, כדי צו קענען ווייטער דינען דער מלוכה ערלעך און מיט געטריישאַפט. קיין שאַרפע בעלי־מחלוקת און סתם דעמאַגאָגן האָבן אָבער, אַמאָל ווי היינט, מן הסתם נישט געפעלט, וואָס האָבן אויפגערייצט און געהעצט דעם עולם פון זייער אייגענער טובה־וועגן, פאַרשטאַרקט דעם טומל און די צעמישעניש, כדי צו דערגרייכן זייער פּאָליטישן ציל. ווי תמיד אין אַ צעקאָכטן מצב באַקומען די מאַכט־דאָרשטיקע די איבערהאַנט.

פונקט דעמאָלט איז דער קיין מצרים אַנטלאָפענער ירבעם אָנגעקומען אַהיים און גאָר גיך זיך געשטעלט בראש פון די וואָס האָבן געפאָדערט גערעכטיקייט און

אפשר אויך אַ ראַדיקאַלע פּעולה. דער יונגער רחבעם איז הפּנים צו אַזאַ ברוך־הבא נישט געווען צוגעגרייט. ער האָט אויך מסתמא נישט פאַרמאָגט גענוג פּאָליטישע געניטשאַפט און עלאַסטישקייט כדי צו רעאַגירן ווי געהעריק אין אַזאַ אויפגעשטורעמטער מערכה. האָט ער זיך צורשט שואל־עצה געווען מיט זיינע עלטערע מסוגלדיקע יועצים, וואָס האָבן אים געזאָגט זיך איינצוהערן צו די תביעות פון פאָלק, אַדורכצוקומען ווי עס איז, כדי צו פאַרמיידן אַ פאַרשאַרפטן קאָנפליקט. אָבער די יינגערע חברה־לייט, זיינע נאָענטע, היציקע און בריהשע פּאָליטיקערס האָבן געגעבן דעם קיניג דווקא אַ פאַרקערטע עצה. אדרבא, דער קיניג מוז זיין שטאַרק און נישט דערלאָזן קיין הפקרות. מען מוז האַלטן דאָס פאָלק אין צוים, גיין אויפס כוח און נישט נאָכגעבן, אויב זיין הערשאַפט זאָל האָבן אַ קיום. וועדליק זיי, זאָל רחבעם ענטפערן דעם פאָלק: אויב זיין פאָטער האָט געשטראָפט מיט ריטערס, וועט ער, דער נייער מלך, זיי מקיים פּסק זיין און שמייסן מיט דערנער! דעם הפּנים שוואַכן און וויניק קאָמפּעטענטן רחבעמען איז די עצה שטאַרק געפעלן און אַזוי געטאָן. ער האָט אָן אַ ווייטערדיקן איבערקלער געלאָזט דאָס פאָלק הערן זיין פאַרעקשנטע תשובה מיט דעם באַקאַנטן זאָג: „מיין קלענסטער פינגער איז דיקער ווי מיין פאָטערס לענדן!"

די גורלדיקע ווערפל איז געפאַלן. עס איז געקומען דער ביטערער קאָנפליקט, גיך איז אויסגעבראָכן די מרידה, וואָס האָט געפירט צו דער טראַגישער חלוקה פון לאַנד. אין צפון איז אויפגעשטאַנען אַ נייע מדינה מיט די צען שבטים און בראש פון זיי — דער חשיבותדיקער שבט אפרים, וואָס איבער זיי האָט גענומען קיניגן ירבעם דער זון פון נבט (נוואָט) מיט אַ שטאַרקער האַנט און איינגעפירט אַ ריי רעליגיעזע און פּאָליטישע אינאָוואַציעס. אין רחבעמס הענט איז פאַרבליבן דאָס איינגעשרומפּענע מלכות פון יהודה־בנימין אין דרום, אַזוי ווי עס האָט געהאַט פאָרויסגעזאָגט דער נביא אחיה פון שילה. פון אַ יידיש־היסטאָרישן קוקווינקל איז די טעריטאָריאַלע חלוקה פון לאַנד געווען אַ שווערער נסיון און אַ נאַציאָנאַלע צרה פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פונעם אַלט־איינגעזעסענעם פאָלק און זיין מלוכהשאַפט. איינגעקלעמט צווישן די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן פון אַמאָל — מצרים פון דרום, אַשור און דערנאָך בבל פון צפון — האָבן צוויי קליינע, פאָליטיש און מיליטעריש אָפּגעשוואַכטע מדינות שווער געקעמפט פאַר זייער טעריטאָריאַלן באַשטאַנד ביזן סוף פון אַ לאַנגער, בייטעוודיקער תקופה אין דער געשיכטע פון דער וועלט בכלל.

אָבער אָט די שפּעטערדיקע, אויפטרייסלענדיקע געשעענישן געהערן שוין נישט מער צו אונדזער איצטיקער טעמע אַרום דעם נביא אחיה מיט זיינע אויסנאָמיקע מעשים און אחריותדיקע שליחות. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון תנ"ך הערן מיר בלויז ווי ירבעם, דער קיניג פון מלכות ישראל, האָט אָרגאַניזירט זיין תקיפדיקע ממשלה, איינגעפירט באַנייטע קולטיש־רעליגיעזע רעפאָרמען, וואָס זענען געווען אַ בפירושער אָפּקער פון דעם טראַדיציאָנעלן דרך פון פאָלק. זיינע חידושים און אויפטוען זענען געשטאַנען אין אַן אָפענער סתירה צו דעם עבר מיט זיין אמונה און איינגעשטעלטע פירעכצן, און אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט ביי די געטרייע טיילן פון פאָלק, דער עיקר אַ שאַרפן פּראָטעסט פון דעם נביא אחיה ווי איינער פון די אמתע היטערס פון געטלעכן אמת און יושר. האָט זיך אַזוי אַרום געשאַפן אַ שווערע געשפּאַנטקייט, ביז צו בייז בלוט צווישן דעם נביא און דעם קיניג ירבעם.

קומען מיר איצט צו דער צווייטער אויפגעהיטער און צעפלאַמט־ביטערער נבואה פון דעם שליח פון גאָט צו דער הויז פון ירבעם. צעווייטאָגט איז דאָס געמיט פון נביא, און ער לאָזט הערן צאַפּלדיק־הייסע רייד אַקעגן דעם קיניג און זיינע חילולדיקע פאַרשוועכטע מעשים. אחיה האָט איצט באַשיימפּערלעך געזען ווי דער מענטש ירבעם, וועמען ער האָט פאַרטרויט און תחילתדיק אפילו אַקטיוו־נביאיש אונטערשטיצט, איז צום סוף אַראָפּ פון גלייכן וועג און געטאָן דאָס וואָס איז נישט געפעליק אין די אויגן פון

אמתן גאָט. עס איז אַ קאָנפראָנטאַציע אויף דער גאַנצער ליניע צווישן דעם נביא און דעם קיניג. פאַרן נביא זענען נישט פאַראַן קיין לעבלעכע פשרות אויב עס גייט אין דעם אַבסאָלוטן אמת. אַזוי זענען שוין פון תמיד געווען אַלע נביאים.

הערן מיר אין ספר מלכים (א־יד, א׳ יח) אַ מעשה פול מיט פּאַטערלעכער זאָרג און אומרו אינעם הויף פון ירבעם. אַ קינד איז פאַרשלאַפט און איז נוטה למות. ווייסט מען ווי זיך אַן עצה צו געבן און וואָס צו טאָן. פּאַלט ירבעם אויף אַ געדאַנק און זאָגט צו זיין ווייב דער קיניגין: פאַרשטעל דיך אַז מ׳זאָל דיך נישט דערקענען און גיי אַרויף קיין שילה, וווּ עס געפינט זיך דער נביא אחיה, וואָס האָט אַמאָל פאַרויסגעזאָגט אַז איך וועל קיניגן איבערן פאָלק. זאָגט איר ירבעם אָן, אַז זי זאָל מיטנעמען אַ שיינע מתנה פאַר דעם געהויבענעם נביא, צען ברויטן, פּיינע קוכנס און אַ קרוג האָניק. פאַרשטעלטערהייט זאָל זי אַריינגיין צו דעם נביא און ער וועט איר זאָגן וואָס עס וועט זיין מיטן קינד. פאַרצייטנס האָט דאָס פאָלק געקוקט אויף אַ נביא ווי אויף אַ רואה, אַ זעער, וואָס ווייסט וואָס עס טוט זיך און וואָס עס וועט געשען. איז מען אַמאָל עולה־רגל געווען צו אַ נביא, צי יום־טוב צייט, צי מיט אַ בקשה, האָט מען אים געוואָלט מהנה זיין מיט אַ שיינער, אָאָנגעלייגטער מתנה. אין אַן אַגראַר־לאַנד, ווי עס איז פאַרצייטנס געווען דאָס מלכות ישראל, האָט מען אים אונטערגעטראָגן פון די פרוכטן פון פעלד און פראָדוקטן פון אַקער. אַזוי איז געווען דער פאַרצייטישער מנהג, און אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען די פרוי פון שונם, בעת זי איז געגאַנגען צום נביא אלישע בעטן הילף.

האָט אויך די פאַרזאָרגטע קיניגין־מוטער אַזוי געטאָן ווי איר מאַן ירבעם האָט זי געהייסן. אָבער בשעת זי איז אַ פאַרקליידטע, נישט צו דערקענען, אַריינגעקומען אין דער טיר פון נביאס דירה, האָט ער זי מיט זיין זעערישן חוש באַלד דערשנאַפּט. זיין ברוך־הבא איז שוין כלל נישט געווען קיין וואַרעמער. ער האָט געהאַט פאַר איר אַ ביז גאָר בייזן, פאַרציטערטן אָנזאָג. פאַר דעם געטלעכן נביא קען מען זיך נישט אויסבאַהאַלטן, ער זעט אַלצדינג, אפילו דאָס פאַרהוילענע אין לעבן. זאָגט ער צו איר מיט אַ האַרט אויפגעברויזט קול: „קום אַריין ירבעמס ווייב, פאַרוואָס באַהאַלסטו דיך אויס? איך האָב פאַר דיר אַ שלעכטע בשורה.“

זאָל זי זיך זיך איינהערן צו זיינע רייד און איבערגעבן צו ירבעמען וואָס ער האָט איר צו זאָגן? דער גערעכטער גאָט פון י ש ר א ל האָט דערהויבן י ר ב ע מ ע ן פון צווישן דעם פאָלק און אים געמאַכט פאַר אַ פירשט איבער זיי, מיט אַ תנאי אַז ער זאָל זיין ווי דוד, רעכטפאַרטיק, טאָן גוטס און גיין אין גאָטס וועג. אָבער ירבעם האָט זיך אין דעם נישט געהאַלטן. אדרבא, ער האָט נאָך ערגער געטאָן פון אַלע וואָס זענען געווען פאַר אים. ער האָט גענומען דינען פרעמדע אָפּגעטער און פאַרלאָזט דעם אמתן גאָט פון פאָלק. דערפאַר וועט דער עונש זיין אַ שווערער. אומגליק און פורעניות וועלן קומען אויף זיין זינדיק הויז, קינד און קייט וועלן ווערן פאַרשניטן, אַ טאָטאַלע פאַרלענדונג פון אַלץ און אַלע. אויך דאָס פאָלק וועט ליידן צוליב וואָס עס איז געגאַנגען אין די זינדיקע דרכים פון ירבעמען. גאָט וועט שלאָגן דאָס פאָלק ישראל, ווי אַ ראָר וואָס ווערט געטרייסלט אין אַ צעשוימטן וואַסער. עס וועט ווערן צום סוף אַרויסגעריסן פון זיין גוטער, פרוכטיקער ערד, וואָס גאָט האָט געגעבן זיינע אָבות, און צעשפּרייט אויף יענער זייט טייך, אַפּנים אַן אָנזאָג פאַר דעם שפּעטערדיקן גלות אַשור. עס וועט זיין אַ טראַגישער סוף צוליב די מיאוסע מעשים און שענדלעכע עוולות פון קיניג און זיין פאָלק.

צום סוף פון זיינע פאַרכטיקע רייד, גיט איר דער נביא אַ סימן פאַר זיין שליחות. אַזוי באַלד, זאָגט ער, ווי זי וועט צוריקקומען אַהיים, וועט איר קראַנק זונעלע זיין טויט. און דער פּסוק גיט צו, אַזוי איז טאַקע געווען (קאַפּ׳ י״ד, י״ח). הערן מיר אויך, אַז צווישן רחבעמען אין יהודה און זיין קעגנער ירבעם אין מלכות ישראל איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקע בלוטיקע מלחמה, וואָס האָט נאָך סיי פּאָליטיש און סיי מיליטעריש אָפּגעשוואַכט די ביידע

(המשך אויף זייט 69)

ס. נאָטקעוויטש

# די סאָוועטישע יידן אין לאָס אַנדזשעלעס

די יידישע עמיגראַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיבן יאָר צוריק, סוף 1973. ביז איצט האָבן זיך דאָ מיט אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס באַזעצט אַרום זעקס טויזנט סאָוועטישע יידן.

זייער אָנקומען איז געווען די סענסאַציע פון טאָג, ווייל במשך די איבער זעכציק יאָר עקזיסטענץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַהערקומען פון אַ סאָוועטישן ייד געווען אַ זעלטנהייט. עס פאַרשטייט זיך דעריבער אַז זייער אַהערקומען האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע נייגעריקייט ביי די היגע יידן. יעדער ייד האָט געוואָלט זיי זען און הערן — ווי קוקן זיי אויס? וואָס דערציילן זיי? ווייסן זיי עפּעס וועגן קרובים אָדער באַקאַנטע? ריידן זיי יידיש? און דער עיקר, פאַרוואָס זיינען זיי אַוועק פון דאָרט? האָט מען זיי געצוווּנגען? זיינען טאַקע אמת די אַנטיסעמיטישע נייעסן וועגן יידן־פאַרפאָלגונגען? קורץ, עס איז געווען אַ גרויסע ניי־געריקייט ביי אַלעמען צו באַגעגענען און צו ריידן מיט די ניי־געקומענע. מען איז

---

יעקב י. מייטליס (סוף פון זייט 9)

צעקריגטע צדדים. ירבעם גופא איז נאָך געשטאָרבן פון אַ נאַטירלעכן טויט און „איינגעגאַנגען צו זיינע עלטערן", אָבער אין דער צייט פון זיין יורש, נדב, האָט זיך געמאַכט אַ סומאַטאָכע. בעשה, איינער פון זיינע פעלדהאַרן, האָט מורד געווען אין אים און איבערגענומען די ממשלה איבערן גאַנצן מלכות ישראל.

ווי עס האָט זיך פאַרצייטנס געפירט, האָט דער פּרעטענדענט אויסגעהרגעט דאָס גאַנצע הויז פון ירבעמען, נישט איבערגעלאָזט קיין לעבעדיקן נפש (מלכים א׳, ט״ו, כ״ט). ווי אַזוי אָפּט אין תנ״ך, הערן מיר אויך דאָ דעם כסדריקן פּיזמון אַז דאָס אַלץ איז געקומען צוליב די גרויסע זינד און פאַרברעכן פון ירבעם בן נבט. ער איז דאָס געוואָרן שפּעטער דער סימבאָל און פּראָטאָטיפּ פון אַלדאָס בייז, דער היסטאָרישער בעל־חטא, וואָס האָט געמאַכט זינדיקן דאָס פאָלק ישראל!

ווי ווייט אָבער אַלע האַרטע און ביטערע שטראָף־רייד פון דעם נביא אחיה השילוני און זיין אימהדיקער פאָרויסזאָג אויף די קומענדיקע געשעענישן, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון דעם תנכישן דערציילער, זיינען עכט און אויטענטיש, איז שווער צו זאָגן. אַ סברא, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ווי אין אַ ריי אַנדערע שטעלן, מיט אַ שפּאָר ביסל שפּעטערדיקע הוספות אויפן סמך פון די טראַגישע פאַרלויפענישן, וואָס האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם אויפן פאָלק און די היסטאָרישע דערציילערס. בדרך כלל איז דאָס געווען דער היסטאָריאָסאָפישער אויסקוק ביי יידן, מיט זיין איינקלער און אינטערפּרעטאַציע, וואָס אַ שפּעטערדיקער דור פון אָפּגעהיטע שרייבערס און רעדאַקטאָרן האָבן פון זייער זייט אַריינגעטראָגן, מיט אַ שפּאָר ביסל צוגאָבן און אינטערפּאָלאַציעס אינעם כוללדיקן סכום פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער יידישער געשיכטע. דערפון זאָלן קומענדיקע דורות אָפּלערנען אַ מוסר־השכל ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין לעבן — גוט צו גאָט און צו לייט.

טעקסט פּראָבלעמאַטיק איז אַן ענין פאַר תנ״ך־פאָרשערס און היסטאָריקערס, און קער זיך נישט אָן מיט דעם עצם פון אונדזער איצטיקער טעמע. דאָ האָבן מיר פאַר אונדזערע אויגן די באַהויכטע און ליכטיקע געשטאַלט פון דעם נביא אחיה און זיין צייט, מיט זיין מאָראַלישן אויפברויז און הייליקן צאָרן, וואָס קעמפט און ראַנגלט זיך מיט צביעות און שקר, פאַר אַן אַבסאָלוטן אמת און יושר. פון אַזאַ טייג זענען אַלע נביאים געווען געקנאָטן, און מיט זייער צושטורעמטער שליחות איבערגעלאָזט אַ גרויסע און רייכע קולטור־ירושה פאַרן יידישן פאָלק און דער וועלט בכלל.

(לאָנדאָן, חשון תש״ה)